דבר מלכות

ב"ה ימות המשיח. עש"ק פר' שלח, ז"ך סיון
ה'תשס"ו – הי' תהא שנת סגולות ונפלאות

# די שליחות פון די מרגלים
# – דאָס פאַראײַנציקונג פון אידן

לויט 'דבר מלכות' פון שבת פרשת שלח ה'תנש"א

**די אונטערשײַדן צווישן די צוויי שליחות'ן**

דער הויפּט ענין פון הײַנטיקער וואָכעדיקער פרשה איז דער אינטערעסאַנטער דערציילונג פון משה'ס שלוחים קיין ארץ ישראל, צוועלף נשיאים פון די שבטים וועלכע זײַנען אַוועק צו באַזוכן ארץ ישראל, און זייערע טרויעריגע ענדע איז באַוואוסט.

אין די הפטורה ערשײַנט אַן ענלעכער ערציילונג וועגן די מרגלים וואָס יהושע האָט געשיקט פון עבר הירדן, זיי זײַנען אַרײַן אין שטאָט יריחו און האָבן געזען דעם שרעק וואָס די כנענים האָבן געהאַט פון די אידן וואָס דערנענטערן זיך, און זײַנען צוריק געקומען צו יהושע'ן מיט פרייד אים צו אָנזאָגן וועגן די אַנטדעקונגען.

אַז מיר וועלן זיך נאָך דענקן אין די ערציילונגען, וועלן מיר געפינען עטלעכע גרינטלעכע אונטערשײַדן צווישן זיי, אונטערשיידן וועלכע ברענגען אַרויס די פאַרשידענע צוועקן פון די שליחות.

משה האָט געשיקט די מרגלים פאַרלאָזנדיק אויף זײַן אייגענעם מיינונג, יהושע האָט זיי געשיקט מיט אַ ספּעציעלע הוראה פון דעם אויבערשטן.

אין חומש ווערט ניט דערמאָנט דער וואָרט 'מרגלים' (שפּיאָנען), זיי ווערן אָנגערופן 'אנשים' (מענטשן) סתם. אין די הפטורה רופן זיך יהושע'ס שלוחים 'מרגלים'.

משה האָט געשיקט צוועלף באַוואוסטע מענטשן נשיאי ישראל און אַלע האָבן געוואוסט וועגן דעם, און זיי האָבן באַזוכט די גאַנצע לאַנד צום לענג און צום ברייט. אָבער יהושע האָט געשיקט צוויי מענטשן אָן קיינעמס וויסנדיק, און אפילו זייערע נעמען זײַנען ניט געשריבן געוואָרן. זיי זײַנען נאָר אַרײַן אין יריחו, און נאָך עטלעכע שעות זײַנען זיי אַרויס פון איר צוריק קיין מחנה ישראל.

ס'איז דאָ איין סיבה צו די אַלע אונטערשײַדן.

**משה האָט געוואָלט, משה האָט אויסגעפיר**

אַז מ'שטייט פאַר אַ מלחמה קעגן אַ שווערער פײַנט, העלפן די שפּיאָנען אַסאַך ווען זיי גיבן איבער ידיעות

(נאַכריכט) וועגן דעם פײַנטס קראַפט, וועגן די שטעט אין וועלכע ער זיצט און וועגן זײַנער שטימונג.

אָבער אין משה'ס צײַט דער אויבערשטער האָט איבערהויפּט ניט באַפוילן צו שיקן שפּיאָנען. דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט אונז געבן די לאַנד און ער וועט קעמפן פאַר אונז, און דעריבער איז ניטאָ קיין סיבה צו שיקן מענטשן וואָס זאָלן צוגרייטן דעם נצחון, ס'איז אַ קלאָרע און אַ זיכערע זאַך אַז אין אַזאַ מלחמה וועלן מיר איבערזיגן העכער פון דעם נאַטירלעכן וועג.

אָבער משה האָט מסכים געווען צו די בקשה פון אידן צו שיקן די מרגלים צוליב אַנאַנדער צוועק, משה איז געווען רועה ישראל (דער פּאַסטאַך, דער פירער פון אידן) און ער האָט געפילט זייערע נויטיקייט צו זען מיט זייערע אויגן ביז וויפל די לאַנד איז גוט, ער האָט געוואוסט אַז ווען זיי וועלן הערן אויף דעם פון מענטשן וואָס זײַנען אַליין געווען אין די לאַנד וועט זיי זײַן אַסאַך גרינגער צו אַרויפגיין צו איר מיט אַ פרייליכער האַרץ.

דעריבער האָט ער אָנגעזאָגט די אידן אַז ער שיקט די צוועלף נשיאים פון שבטים און זיי וועלן באַזוכן אין די גאַנצע לאַנד, און אַז זיי וועלן צוריק קומען וועט יעדער נשיא דערציילן צו זײַן שבט אַז ער איז אַדורכגעגאַנגען די גאַנצע לאַנד און האָט געזען אויך דעם טייל וועלכער קומט זיי, און ער קען מעיד זײַן אַז די לאַנד איז טאַקע זייער גוט.

אַנטקעגן דעם, אין דער צײַט פון יהושע דער אויבערשטער האָט שוין אָנגעזאָגט אַז צוליב די זינד וועלן ניט זײַן אַזעלכע גרויסע ניסים. און דעריבער האָט יהושע באַפוילן צו שיקן שטילע שפּיאָנען וואָס זאָלן נאָכקוקן ווי אַזוי די גויים אין דעם לאַנד זײַנען גרייט צו אַ מלחמה, און אַז זיי האָבן געהערט אין יריחו אַז די אַלע אײַנוואוינערס פון דעם לאַנד שרעקן זיך פון זיי האָבן זיי געקענט צוריקומען צו יהושע'ן און דערציילן אים אַז מ'קען אַרײַנגיין אין ארץ ישראל זיכערדיקערהייט.

זאָל מען באַמערן: משה האָט געשיקט די מרגלים כדי אַז זיי זאָלן דערציילן וועגן דעם לויב פון די לאַנד, און דאָס איז וואָס ס'טאַקע געשען! זיי זײַנען צוריק געקומען אין מדבר מיט די גוטע פרוכטן פון די לאַנד, און האָבן זיי באַוויזן צום פאָלק און האָבן דערציילט אַז דאָס איז ארץ זבת חלב ודבש (אַ לאַנד וואָס עס גיסט זיך פון איר מילך און האָניק). משה'ס שליחות איז אויסגעפירט געוואָרן פולערהייט.

די אידן האָבן געמיינט אַז די מרגלים וועלן זיי העלפן אײַנצונעמען די לאַנד, דאָס איז טאַקע ניט אויסגעקומען, ווײַל זיי האָבן נאָר אָנגערשראָקן די אידן און האָבן זיי דערציילט וועגן די העלדן וואָס אין לאַנד. דערביי האָבן זיי צוגעלייגט אויף זייערע שליחות, און האָבן נאָר פאַרמינערט פון זייערע אויפגאַבע. אָבער צום סוף זאַך אַז ס'איז געקומען די צײַט ווען אידן זײַנען אַרײַן געגאַנגען אין ארץ ישראל, זײַנען זיי

אַרײַן מיט פרייד און מוט פונקט ווי משה האָט געוואָלט.

## די מרגלים – אײַניקײַט

לויט תורת החסידות, דאָס אײַנגעמען ארץ ישראל דײַטעט אָן אויף דעם בירור פון לאַנד (דאָס אויסאײַדלען איר און מאַכן איר פאַר אַ כלי אויף רוחניות) דורך די תורה און מצוות, און דאָס שיקן די מרגלים איז אַ רוחניות'דיקע פעולה וואָס משה און יהושע האָבן געטאָן אַלס אַ צוגרייטונג דערצו.

משה האָט געשיקט צוועלף מרגלים פון די צוועלף שבטים וואָס זאָלן באַזוכן די גאַנצע לאַנד, ווײַל כל ישראל ערבים זה לזה (אַלע אידן זײַנען ערבים אײנער צום צווייטן, ד.ה. אַז די עבודה פון יעדער איד הענגט אויך אָפּ אָן דעם צווייטן) און אַלע צוזאַמען זײַנען מברר די גאַנצע לאַנד, אויך אַ טייל וואָס געהערט צו אַ געוויסער שבט. און אַזוי מיטן כח פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק צוזאַמען וועט זײַן דער בירור פון ארץ ישראל אויף דעם בעסטן אופן.

און נאָכער האָט יהושע געשיקט צוויי מרגלים מיט וועלכע ער האָט פאַראײניציקט אַלע אידן. אײנער פון זיי איז געווען כלב וואָס ער (אויסער יהושע אַליין) איז געווען דער אײנציקער וואָס איז געבליבן פון די פריערדיקע מרגלים, און דער צווייטער איז געווען פינחס פון שבט לוי.

אָבער שבט לוי האָט ניט קײן חלק אין ארץ ישראל?

הײַנט שבט לוי איז אויסגעטײלט צו דעם אויבערשטנס דינען, און דעריבער האָט ער ניט קײן חלק אין די גשמיות'דיקע נידעריקע לאַנד. לעתיד לבוא וועט די גאַנצע לאַנד זיך אויפהויבן, און דער גאַנצער אידישער פאָלק וועלן זײַן מיוחד און הייליג צו דינען דעם אויבערשטן. דאַן וועט אויך שבט לוי באַקומען אַ חלק אין דעם ארץ צוזאַמען מיט דעם גאַנצן אידישן פאָלק.

שוין אין דער צײַט פון יהושע, דרײַ טויזנט יאָר צוריק, האָבן זיך אָנגעהויבן די הכנות צו די התגלות פון מלך המשיח.

## תכל'ס

מיר דאַרפן אונטערשטרײַכן די אחדות ישראל (דאָס אײניקײַט און פאַראײניציקונג פון אידן). די ערשטע זאַך דורך דעם וואָס מיר וועלן זיך באַנוצן מיט אונזער שכל אַרײַנלײגן אַ מחשבה ווי צו מאַכן גוט אַ צווייטן אידן, ווי צו העלפן אים אין רוחניות, דערפרייטן אים און פאַרשטאַרקן אים, און ווי צו העלפן אים אין גשמיות, עס זאָל אים זײַן פשוט גוט אין לעבן. מ'קען אויך געבן צדקה פאַרן זכות פון דעם פרײַנד, לערנען תורה מיטן פרײַנד, וואָס די אַלע זאַכן פאַרשטאַרקן די אחדות צווישן אידן.

אחדות ישראל איז ספּעציעל אונטערשטראָכן אין די הייליגע תקנה פון דעם רבי'ן מלך המשיח שליט"א צו לערנען דעם טעגלעכן רמב"ם אַלע אידן צוזאַמען, און די קינדער די סאָלדאַטן פון צבאות ה' זאָלן לערנען דעם ספר המצוות. און ווי פאַרשטאַנדיק אַז מיר זײַנען גליקלעך אַז מיר האָבן דעם רבי'ן

מלך המשיח שליט״א וואָס פאַרשפּרייט די מעיינות צו אַלע אידן אין דער גאַנצער וועלט ממש, און אַזוי פאַראייניציקט ער זיי דורך דאָס לערנען חסידות מיטן אויבערשטן און מיט אידן.

### משיח

וכן תהיה לנו – **שתיכף ומיד ממש, ביום זה, יום השבת קודש פרשת שלח, מתקיימת בפועל ממש הבשורה שבפרשת השבוע: ״בישר להם שיכנסו לארץ״, וכסיום וחותם ההפטורה: ״נתן ה׳ בידינו את כל הארץ וגם נמוגו כל יושבי הארץ מפנינו״**

– **כולל ובמיוחד על ידי זה שגם ברגעי הגלות האחרונים עומדים בתוקף על שלימות הארץ בנוגע לחלקי הארץ שכבר ניתנו על ידי הקב״ה לבעלותם של בני ישראל שלא להחזיר חס ושלום אף שעל משטחי ארץ ישראל לאומות העולם** –

**וכל בני ישראל באים לארץ ישראל בשלימותה . . ועוד והוא העיקר – שכל זה נעשה בפועל ממש, ותיכף ומיד ממש.**

(און אַזוי וועט זיין פאַר אונז – אַז תיכף ומיד ממש, אין דעם טאָג, יום השבת קודש פרשת שלח, ווערט מקוים בפועל ממש די בשורה וואָס אין די וואָכעדיקע פרשה: ״בישר להם שיכנסו לארץ״ (ער האָט זיי אָנגעזאָגט אַז זיי וועלן אַריינגיין אין ארץ ישראל), און ווי די ענדע און דער אָפּשלוס פון די הפטורה: ״נתן ה׳ בידינו את כל הארץ וגם נמוגו כל יושבי הארץ מפנינו״ (דער אויבערשטער האָט געגעבן אין אונזערע הענט די גאַנצע לאַנד און אויך די אַלע איינוואוינערס פון די לאַנד זיינען דערשראָקן פאַר אונז)

– איינגעשלאָסן און ספּעציעל דורכדעם וואָס אויך אין די לעצטע מינוטן פון גלות שטייט מען מיט אַ תוקף אויף שלימות הארץ בנוגע צו אַלע טיילן פון די לאַנד וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן צו די בעל-הבתישקייט פון אידן צו נישט אָפּגעבן חס ושלום קיין טריט פון די שטחים פון ארץ ישראל צו אומות העולם –

און אַלע אידן קומען אין ארץ ישראל אין אירע גאַנצקייט . . ועוד און דאָס איז דער עיקר – אַז דאָס אַלץ טוט

•

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

**לזכות**
**הוד כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א**
**מהרה יגלה ויגאלנו!**

יו״ל ע״י
תנועת הנוער
צבאות ה׳ בארה״ק

**ווילסט איבערגעבן א שיעור ׳דבר מלכות׳ אין דיין געגנט?**

**אין ארה״ק – קינדער: 795–5493 (054), אין ארה״ק – מיידלאך: 646–0770 (054),**
**אין ארה״ב: 290–4444 (718)**

עריכה: בן מנחם ● הגהה רוחנית: רבנים ואנשי חינוך ● הגהה לשונית: ב. נחשון ● תורגם לאידיש ע״י מנחם מענדל פעלדמאן ●
יו״ל במסגרת מבצע עולמי ללימוד ה׳דבר מלכות׳